בס"ד

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

תשפ"א | פרשת בהעלותך | 384

## מאוצרות אמונים

פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### דאווענען אז די גוט'ס זאל זיך נישט אויפהערן

"וְלֹא יִהְיֶה בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נֶגֶף בְּגֶשֶׁת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל הַקֹּדֶשׁ" (ח יט)

מעשה שהיה מיט א גרויסער עושר וואס זיין לעבן האט זיך געפירט על מי מנוחות, זיינע קינדער וואס זענען געזיצן על התורה ועל העבודה האבן אים געברענגט פיל נחת, און זיינע ברייט פארצווייגטע געשעפטן האט זיך געפירט אויף א וואונדערליכן וועג אן קיין שוועריקייטן. אין א געוויסע טאג איז ער אריין צום **קאזניצער מגיד**. ווען דער רבי האט זיך אינטערעסירט אויף זיין פרידן האט דער עושר געענטפערט אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף פעלט אים נישט גארנישט.

"אויב אזוי פארוואס ביזסטו געקומען צו מיר?" - האט דער מגיד זיך געוואונדערט, און דער עושר האט געענטפערט: "איך בין געקומען בעטן פונעם רבי'ן ער זאל דאווענען איך זאל שטענדיג בלייבן אין מיין גוטן צושטאנד און קיינמאל נישט דארפן קומען צום רבי'ן איבער שווערע פעלער וואס קענען חלילה קומען אויף מיר".

בדרך צחות, האט געזאגט האדמו"ר **רבי מאיר'ל דזשיקובער** אז דער ענין איז מרומז אין דער לשון אין אונזער פסוק: "וְלֹא יִהְיֶה בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נֶגֶף בְּגֶשֶׁת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל הַקֹּדֶשׁ" - דאס לעבן פון די אידן זאל זיך שטענדיג פירן על מי מנוחות, און זיי זאלן נישט דארפן קומען צום צדיק כדי ער זאל דאווענען אויף זייערע צרות, נאר אייביג זאל זיי גוט זיין.

אויף א ענליכן וועג טייטש דער **דובנער מגיד** דעם פסוק (ישעיה נו ז): "וַהֲבִיאוֹתִים אֶל הַר קָדְשִׁי וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית תְּפִלָּתִי... כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה יִקָּרֵא לְכָל הָעַמִּים"; ווען די אידן וועלן זוכה זיין צו זיין צדיקים גמורים וועלן זיי נישט געשטראפט ווערן צוליב זייערע זינד, איז וועלן זיי נישט דארפן קומען אין בית המקדש צו דאווענען זיי זאלן געהאלפן ווערן פון זייערע צרות, נאר: "**וְשִׂמַּחְתִּים** בְּבֵית תְּפִלָּתִי" - זיך פרייען און דאנקען ה' אויף די גוט'ס וואס זיי האבן זוכה געווען. און נאר "לְכָל הָעַמִּים" וועט "בֵיתִי" אנגערופן ווערן "בֵּית תְּפִלָּה" וואו דארט וועלן זיי דאווענען געהאלפן ווערן פון זייערע שוועריקייטן.

'אמרי נועם'; 'אהל יעקב' דברים

### ענטפערן 'אמן' פון די אייגענע ווילן טוט באשיצן

"וְכִי תָבֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם עַל הַצַּר הַצֹּרֵר אֶתְכֶם וַהֲרֵעֹתֶם בַּחֲצֹצְרֹת וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם וְנוֹשַׁעְתֶּם מֵאֹיְבֵיכֶם" (י ט)

אויך אין אונזערע צייטן ווען מיר בלאזן נישט מיט חצוצרות (זעה מג"א אנהייב סי' תקעו; שו"ת 'אגרות משה' או"ח ח"א סי קסט) האבן מיר א וואונדערליכע מצוה וואס איז ספעציעל מסוגל עס זאל מקויים ווערן די הבטחה פון "ונושעתם מאויביכם", דאס איז די מצוה פון ענטפערן אמן:

אזוי דרש'ענען די חכמים ('תנא דבי אליהו' רבה י) אויפן פסוק (שופטים ה ב): "בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'" - "במי נפרע להם הקדוש ברוך הוא לישראל מאומות העולם? בבני אדם שמשכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן..."

מיט דעם האט געטייטש **רבי חיים כ"ץ** א אייניקל פון סמ"ע דעם פסוק אין תהילים (יב ב): "הושיעה ה' כי גמר חסיד כי פסו אמונים מבני אדם" - "הושיעה ה'", כאטש "כי גמר חסיד כי פסו אמונים" - מיר האבן נישט די ערליכע מענטשן וואס געבן אכטונג און האלטן טייער דאס ענטפערן אמן, וואס אין דעם זכות זענען מיר פארזיכערט געראטעוועט ווערן פון אונזערע פיינט.

האדמו"ר **רבי משה יחיאל פון אזורוב** לייגט צו, אז מיר וועלן מדייק זיין אין די ווערטער פון די חכמים וועלן מיר זען, אז דער עיקר שיצונג וואס קומט דורך ענטפערן אמן איז ווען עס ווערט געענטפערט אויף אזעלעכע ברכות וואס עס איז נישט קיין חיוב זיי צו הערן, צ.ב.ש. אין זכות פון "בני אדם שמשכימים ומעריבים לבית המדרש" כדי צו ענטפערן 'אמן', און אזוי ווי עס איז מדויק דער לשון הפסוק: "**בהתנדב** עם ברכו ה'" - ווען איינער באוויליגט לויבן ה' דורך 'אמן' כאטש ער איז נישט מחויב.

'ארץ החיים' [פון ר"ח כ"ץ] תהלים יב א; 'באר משה' שופטים עמ' קסה

### רפואה דורך חסד און נישט דורך דין

"וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה' לֵאמֹר אֵ-ל נָא רְפָא נָא לָהּ" (יב יג)

**דער אזורובער רבי האדמו"ר רבי משה יחיאל** זאגט:

דער שם 'א-ל' ווייזט אויף מידת החסד (זוהר צו ל ב) אזוי ווי עס שטייט: (תהלים נב ג): "חֶסֶד אֵ-ל כָּל הַיּוֹם". משה רבינו האט געגעבטן, כאטש מרים האט געזינדיגט, זאל הקדוש ברוך הוא זיך נישט פירן מיט איר מיט מידת הדין, נאר מיט מידת החסד, און דורך דעם וואס השי"ת וועט איר שענקען פון זיין גוט'ס, וועט זי אליינ'ס איינערקענען איר גרויסע זינד, און זיך שעמען מיט אירע מעשים און אזוי וועט זי תשובה טון.

דאס בעטן מיר אין דער פיוט "ידיד נפש": "הָדוּר נָאֶה זִיו הָעוֹלָם, נַפְשִׁי חוֹלַת אַהֲבָתֶךָ, אָנָּא א-ל נָא רְפָא נָא לָהּ, בְּהַרְאוֹת לָהּ נֹעַם זִיוֶךָ". די רפואה פאר אונזער נפש זאל קומען דורך מידת החסד - "בְּהַרְאוֹת לָהּ נֹעַם זִיוֶךָ" און נישט דורך מידת הדין חלילה.

'באר משה'

### מרים איז אויסגעהיילט געווארן 'בתוך שאר חולי ישראל'

"וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה' לֵאמֹר אֵ-ל נָא רְפָא נָא לָהּ" (יב יג)

עס איז באקאנט די קשיא: פארוואס האט משה געדאפלט די ווארט "נא" ווען ער האט געדאוונט?

דער רב פון אלכסנדר **רבי יעקב יאנאווסקי**, האט געטייטש דעם פסוק מיט א געדאנק וואס ער האט געהערט פונעם קאזניצער מגיד:

ווען דער זון פון מגיד, רבי משה אליקים בריעה, איז קראנק געווארן האט דער מגיד געזאגט אז ער שעמט זיך צו שטעלן דאווענען פאר אים, ווייל ער מיינט דאך פאר זיין אייגענע טובה, דעריבער האט ער געדאוונט אויף אלע קראנקע, און ממילא צווישן זיי וועט שוין קומען א רפואה פאר זיין זון.

משה רבינו האט נישט געוואלט דאווענען אויף זיינע אינטערעסן, דעריבער האט ער געבעטן: "אֵ-ל נָא רְפָא" פאר אלע חולי ישראל, און צווישן זיי א תפילה "נָא לָהּ" - פאר מרים, און אזוי וועט זי האבן א רפואה.

'בית יעקב'

## בחכמה פותח שערים



שבת קודש פרשת בהעלותך געפאלט אויס די יומא דהילולא פון מרן המשגיח **הגה"צ רבי ירוחם הלוי לייבאוויץ זצ"ל**. אין איינע פון זיינע שמועסן האט ער גערעדט אויף דעם מאמר חז"ל (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כחו - פותחין לו שערי גן עדן" און אזוי האט ער געזאגט:

געווענטליך, אויך דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן, האלט נישט אז עס קומט אים די גרויסע שכר אז די טויערן זאלן זיך עפענען פאר אים, ווייל עס האנדלט זיך פון א גרינגע זאך, זייער גרינג קען דער מענטש זוכה זיין און מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן. אבער עס איז נישט ריכטיג. דער מענטש דארף גלייבן אין די ווערטער פון די חכמים אויף די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן. אזוי ווי וואסער לעשט אויס פייער, כאטש מיר פארשטייען נישט פארוואס, אזוי אויך האט דער אמן א כח צו עפענען טויערן אין עולם הזה און אין עולם הבא. "אין יעדן מצב, וועט ער קענען גיין רואיג זיין וועג - דורך ענטפערן אמן עפנט ער די טויערן"

('מאמרי המשגיח' אלול תשרי ח"א עמ' קפו, שמח).

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## דער פיוט 'יגדל' (ז): דער זעקסטער עיקר - די אמת'דיגקייט פון די נבואה

### נבואה - דער יסוד פון תורה

דער זעקסטער עיקר איז אונז מחייב צו גלייבן אז דער מענטש האט א מעגליכקייט זיך צו דערהייבן און שטייגן און דערגרייכן צו די מדריגה פון א נביא, אזוי ווי מיר טרעפן אסאך אין די פסוקים פון די תורה, נביאים און כתובים (רמב"ם פיה"מ סנהדרין הקדמה לפרק י). די נבואה איז די קשר צווישן דער בורא און זיינע באשעפענישן, און דורך דעם האט הקדוש ברוך הוא אריינגעלייגט אין אונז די תורה'דיגע לעבן. דורך די נביאים האט ער אונז אנטפלעקט וואס איז אונזער תפקיד אויף דער וועלט, און האט אונז באפוילן זיין תורה און מצוות. דער רמב"ם אין זיין הקדמה אויף פירוש המשניות שרייבט: "יתרון הנביא ופעולתו במצוות, הרי הוא - חי נפשי - מן היסודות הגדולים והעצומים שעליהם משען הדת ויסודו".

ריכטיג אז מיר ווייסן פון נאר ווייניג מענטשן וואס זענען אנגעקומען צו די מדריגה פון נבואה, דאך אבער אין די פריערדיגע דורות זענען געווען צווישן כלל ישראל אסאך נביאים, אזוי ווי די חכמים זאגן (מגילה יד א): "די אידן האבן געהאט אסאך נביאים, דאפלט פון די יוצאי מצרים. נאר, א נבואה וואס פעלט אויס פאר די קומענדיגע דורות - איז אפגעשריבן געווארן, וואס פעלט נישט אויס - איז נישט אפגעשריבן געווארן".

נאך דארפן מיר וויסן אז ביי מעמד הר סיני האבן אלע אידן זוכה געווען זיין אין די מדריגה פון נביאים און הערן אליין ווי הקדוש ברוך הוא רעדט מיט משה, אזוי ווי עס שטייט (שמות כ יט): "אַתֶּם רְאִיתֶם כִּי מִן הַשָּׁמַיִם דִּבַּרְתִּי עִמָּכֶם" (רמב"ן שמות יט ט; 'דרשות הר"ן' הדרוש החמישי). אבער עס איז דא וואס קריגט זיך און האלט אז הערן די 'קולות' און זען די 'אש הגדולה' ביי מעמד הר סיני איז נישט גערעכנט אלס א נבואה, און אויך דעמאלטס האבן נישט אלע זוכה צו די דרגה פון נבואה נאר די וואס זענען ראוי געווען צו דעם ('מורה נבוכים' ח"ב סי' לב).

### א פערזענליכע הדרכה פאר יעדן איד

די נבואה איז געווען צווישן כלל ישראל ביז די צייטן פון די נביאים האחרונים, אזוי ווי די חכמים זאגן (יומא ט ב): "משמתו נביאים האחרונים חגי זכריה ומלאכי נסתלקה רוח הקודש". ווען עס וועט זיין די גאולה וועט צוריק באנייט ווערן די נבואה צווישן אידן, אזוי ווי דער נביא יואל זאגט (ג א): "וְהָיָה אַחֲרֵי כֵן אֶשְׁפּוֹךְ אֶת רוּחִי עַל כָּל בָּשָׂר וְנִבְּאוּ בְּנֵיכֶם וּבְנוֹתֵיכֶם זִקְנֵיכֶם חֲלֹמוֹת יַחֲלֹמוּן בַּחוּרֵיכֶם חֶזְיֹנוֹת יִרְאוּ".

דאס וואס די נבואה האט זיך אויפגעהערט איז א געוואלדיגע פארלוסט פארן אידישע פאלק. דער ווילנער גאון האט געזאגט אז אין די צייט וואס עס זענען געווען צווישן די אידן נביאים זענען זיי געווען די וועגווייזער פאר יעדן איד וויאזוי ער זאל דינען דעם אייבערשטן און אויספירן זיין תפקיד אויף דער וועלט, יעדער איינער לויט זיין שורש נשמה און לויט די נאטור פון זיין קערפער. אויך די נביאים וואס זייער נבואה איז נישט פארשריבן געווארן ווייל זיי זענען נישט געווען 'נביאים לדורות', זענען נישט געווען באהאלטענע נביאים, נאר דורך זייער נבואה האבן זיי אויסגעלערנט זייער דור וויאזוי זיי זאלן זיך פירן ('ביאור הגר"א' משלי טז ד; 'נפש שמשון' - בעניני אמונה עמ' קסד).

מ'דארף אנצייכענען, אויך אין אונזערע צייטן וואס עס איז שוין נישטא קיין נבואה צווישן די אידן, קען יעדער מענטש זיך באהעפטן צו די מדריגה פון נבואה ווען ער דאוונט צו הקב"ה. דער וואס איז זוכה זיך צו דערהייבן פון זיין גשמיות בשעת'ן דאווענען, מיט דעם וואס ער באהעפט זיך צו הקב"ה און האט אינזין יעדע ווארט וואס ער זאגט ארויס פון מויל, האט ער די מעגליכקייט ארויף צוגיין זייער הויעך, ביז ער וועט אנקומען צו די דרגה וואס איז פארבינדן צו די מדריגה פון נבואה. און אזוי שרייבט רבי יעקב בעל הטורים (או"ח צח): "כן היו עושין חסידים ואנשי מעשה, שהיו מתבודדים ומכוונים בתפילתם, עד שהיו מגיעים להתפשטות הגשמיות ולהתגברות רוח השכלית, **עד שהיו מגיעים קרוב למעלת הנבואה**".

### די מעלה פון די נביאי ישראל

דער רמב"ם (יסודי התורה ז א) שרייבט אז דער מענטש וואס איז זוכה צו נבואה דארף זיין גדול בחכמה און אינגאנצן געוועלטיגן אויף וואס זיין קערפער טוט ציען און זיינע גשמיות'דיגע רצונות. דער נביא דארף זיך דערהייבן צו אזא מציאות ער זאל נישט האבן א טעם און א ווילן אין אלע גשמיות'דיגע זאכן וואס רוב מענטשן זענען מיט זיי באשעפטיגט.

כאטש אויך די אנדערע פעלקער האבן געהאט נביאים (ראה ב"ב טו ב), דאך האבן זיי צו דעם זוכה געווען נאר באהאלטערנערהייט, פראוויזאריש און ווי א צופאל (ראה רש"י במדבר כג ד). אזוי שילדערן די חכמים (ב"ר נב ה) דער אונטערשייד צווישן די אידישע נביאים און די נביאים פון די אומות העולם: "וואס איז דער אונטערשייד צווישן די נביאי ישראל צו די נביאי אומות העולם? א משל צו א קעניג וואס איז געזיצן צוזאמען מיט זיין פריינד אין פאלאץ, און א פארהאנג איז געווען צווישן זיי. יעדעס מאל ווען ער האט געוואלט רעדן מיט זיין פריינד, האט ער אוועקגעריקט די פארהאנג און גערעדט מיט אים. אבער פאר די נביאים פון די אומות העולם רוקט ער עס נישט אוועק, נאר ער רעדט מיט זיי פון אונטער די פארהאנג".

דאס זאגט דער משורר: כאטש אז ער איז "אדון עולם **לכל** נוצר", און צוליב דעם האט ער זיך אויך באוויזן פאר די אנדערע פעלקער, דאך איז דא א אונטערשייד צווישן אונז און זיי: צו זייערע נביאים ווערט ער נתגלה אויף דעם אופן פון: "יורה גדולתו..." - ווי א מענטש וואס שיסט א פייל פון דערווייטנ'ס, ד.מ. באהאלטערנערהייט. אבער "אֶל אַנְשֵׁי סְגֻלָּתוֹ וְתִפְאַרְתּוֹ" - די אידישע נביאים וואס זענען באליבט אויף אים און ער האלט זיך גרויס מיט זיי, "שֶׁפַע נְבוּאָתוֹ נְתָנוֹ" - קומט די נבואה צו זיי דורך א דירעקטע השפעה - מיט נאנטשאפט ('מגיד צדק' שבסידור 'שער הרחמים').

ווייל מיר גלייבן אין די נבואה, דארפן מיר גלייבן אין די ווערטער פון די נביאים, און אזוי ווי דער יסוד ווערט ארויסגעזאגט אין דער נוסח 'אני מאמין' - "שכל דברי נביאים אמת". אויך ביי די ברכות פון די הפטורה זאגן מיר: "אשר בחר בנביאים טובים ורצה בדבריהם הנאמרים באמת".

**שֶׁפַע נְבוּאָתוֹ מיט א נאנטשאפט און פאר אלעמען באקאנט נְתָנוֹ איז משפיע הקב"ה, נאר אֶל די אידישע נביאים וואס זיי זענען אַנְשֵׁי סְגֻלָּתוֹ באליבט צו אים וְתִפְאַרְתּוֹ און ער באשיינט זיך מיט זיי.**

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמונה און תפילה

## ברוך משיב אבידה לבעליה

די פאלגנדע וואונדערליכע ערציילונג, וואס צוליב פארשטענדליכע טעמים האבן מיר געמוזט טוישן עטליכע איינצעלהייטן, האבן מיר געהערט פונעם זון פון בעל המעשה, פון די פארצייטישע און עלטערע חסידים אין ארץ ישראל, א יחסן פון צדיקים וואס די ווארצלען פון די פאמיליע זענען נאך איינגעפלאנצט געווארן אין די אמאליגע שטעט אין אייראפא, און אירע צווייגן צושפרייטן זיך ביז ארץ הקודש. און אזוי דערציילט דער זון שליט"א:

"די הויז פון מיין טאטע שליט"א האט מען לעצטנ'ס אינגאנצן איבערגעבויעט. די הויז איז זייער א אלטע הויז וואס אין לויף פון צענדליגער יארן האט מען דארט גארנישט איבערגעפרישט, צוליב דעם האט מען געדארפט צוברעכן אלע אלטע ווענט און זיי איבערבויען פון פריש, וועגן דעם בעפאר מ'האט אנגעהויבן די בוי ארבעט האט דער קאנטראקטער באפוילן מ'זאל אויסליידיגן די גאנצע הויז".

די אלע ווערדפולע זאכן, אויך די זאכן וואס האבן נאך א נוצן האט די פאמיליע ארויסגענומען, און די שמאטעס און די זאכן וואס האבן אויסגעזען אז זיי האבן נישט קיין נוצן האט מען איבערגעלאזט אין הויז כדי די ארבעטער זאלן עס אוועק טראגן צוזאמען מיט די איבעריגע ברוכווארג פון די בויען.

בעפאר די ארבעטער זענען אריין אין מיין טאטנ'ס הויז איז די משפחה נאכאמאל אריין און אריבער צווישן די צימערן איבערקוקן צי עס נישט איבערגעבליבן עפעס א ווערדפולע זאך, און ווען זיי האבן געענדיגט, האבן זיי איבערגעלאזט דעם שליסל ביים קאנטראקטער, און מ'האט אנגעהויבן די ארבעט.

באלד ביים אנהויב איבערבויען האבן די אראבישע ארבעטער אנגעהויבן צונעמען און צוברעכן די שאפעס וואס זענען געווען באפעסטיגט אין די ווענט אזוי ווי עס איז געווען אין די אלטע הייזער, ווען יעדע שאפע וואס איז צונומען געווארן איז גראד אריינגעווארפן אין די גרויסע קאנטיינער וואס איז אראפגעלייגט געווארן אין אונזער הויף אונטערן פענסטער. אין לויף פון זייער ארבעט האבן די ארבעטער געטראפן אלטע קליידער און פארשידענע זאכן וואס זענען געליגן העכער די שאפעס, און אן טראכטן צוויי מאל האבן זיי עס אויך אוועקגעווארפן.

דערציילט ווייטער דער זון:

"עטליכע טעג נאכן אנהייבן די ארבעט, אין א שפעטע נאכט שטונדע האב איך געדארפט אנרופן מיין ברודער וועגן עפעס א אומגעראכטענע סיבה. פארן ענדיגן די שמועס האט מיר מיין ברודער געגעבן א זאג: אין די לעצטע טעג זעט מיר אויס אז אונזער פאטער איז עפעס צובראכן און עס זעט אים אויס אז דאס קומט צוליב די ארבעט ביי אים אין הויז.

איך האב אראפגעלייגט דעם טעלעפאון, אבער איך בין געבליבן פארטראכט. דער לעצטער טייל פון די שמועס האט מיר אוועק גענומען מיין רואיגקייט. וויאזוי קען זיין אז מיין טאטע איז פארזארגט? דאס איז אינגאנצן אקעגן זיין נאטור. מיין טאטע איז באוואוסט צווישן זיינע באקאנטע אלץ א גרויסער בעל-ביטחון וואס אויך אין זיינע שווערסטע צייטן ברענגט ער אריין שמחה אין די ארומיגע. איך האב זיך געקווענקלט צי איך זאל מאכן פון דעם א 'געשעפט', אבער אין ענדע האב איך באשלאסן אריבער גיין אויף א באזוך און פרובירן דערגיין די סיבה פון זיין זארג.

ווען איך בין אריין אין מיין פאטער'ס צימער האב איך באלד באמערקט די זארג אויף זיין געזוכט. איידעלערהייט האב איך זיך אינטערעסירט אויף זיין זארג. עס האט זיך אנגעזען אז ער קווענקלט צי ער זאל מיך דערציילן. נאך א שטיק צייט האט ער זיך געוואנדן צו מיר מיט א פראגע: צי איך ווייס, אדער צי איך קען געוואר ווערן וואס איז געווארן מיט די עטליכע זעקלעך אלטע קליידער וואס לויט זיין זכרון זענען זיי געליגן אין איינע פון די וואנט-שאפעס?! איך האב נישט פארשטאנען פארוואס איז מיין טאטע דערשראקן צוליב עטליכע זעקלעך 'שמאטעס'... אבער וועגן די מצוה פון כיבוד אב האב איך אנגערופן מיין ברודער וואס איז אנוועזנד געווען ווען מ'האט אנגעהויבן די ארבעט. מיין ברודער האט געענטפערט, אז לויט זיין וויסן, די ביסל אפגעריבענע קליידער וואס זענען געטראפן געווארן זענען אריינגעווארפן געווארן אין די גרויסע קאסטן פון די ברוכווארג.

ווען איך האב געהאט די ענטפער האב איך זיך צוריק געקערט צו מיין פאטער, און ווי גרויס איז געווען מיין איבערראשונג ווען הערנדיג די ענטפער האט ער שיער גע'חלש'ט. 'אוי ואבוי' - האט ער געגעבן א קרעכץ ווען ער דעקט צו זיין געזיכט אין זיינע הענט, 'מ'האט אוועק געווארפן די אלטע קליידער?! וואס זאל איך יעצט טון? וואס זאל איך טון???'.

אין האב געקוקט מיט וואונדער אויף מיין אויפגעשטורעמטן פאטער, קיינמאל האב איך אים נישט געזען זיין אזוי צובראכן.

מיין פאטער וואס האט געזען אז איך פארשטיי נישט אויף וואס איז די טומל, האט מיר געמוזט אויסזאגן דעם סוד; צווישן די אלטע קליידער זענען אויך געווען צוויי אויסנאמע הייליגע חפצים, ספעציעלע הייליגע זאכן, וואס עטליכע באוואוסטע צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן זיך באנוצט מיט זיי. פאר העכער הונדערט יאר זענען עטליכע אייניקלעך פון די צדיקים ארויף קיין ארץ ישראל צוזאמען מיט אט די הייליגע חפצים, און שפעטער זענען זיי אנגעקומען צו די באניץ פון מיין הייליגע זיידע זצ"ל, וואס אין זיינע לעצטע טעג בעפאר זיין פטירה האט ער זיי איבערגעגעבן פאר מיין טאטן זאל געזונט, ער זאל זיי אפהיטן.

'די זאכן האבן א ספעציעלע קדושה' - האט מיין טאטע ערקלערט ווען טרערן קומען פון זיינע אויגן, 'מיין טאטע זצ"ל האט זיי מיר איבערגעגעבן איך זאל זיי אפהיטן, ווען ער ווארנט מיך אן איך זאל זיי אפהיטן און נישט איבערגעבן פאר פרעמדע, און יעצט אויף דער עלטער בין איך דורכגעפאלן מיט זייער אפהיטן' - האט דער טאטע געוויינט, און האט צוגעלייגט א ווארט וואס האט מיך אויפגערודערט מער פון אלעס: 'איך אעלה אל אבי והנער איננו איתי...'.

צוליב די גרויסע אחריות פון מיין טאטן אויף די פיקדון, איז די גאנצע זאך געווען א סוד ביז יעצט אויך פאר די נאנטע משפחה מיטגלידער, אויך איך האב גארנישט געוואוסט איבער דעם ביז דער מינוט. אבער יעצט, לויט די יעצטיגע אומשטענדן און צוליב די גרויסע צער פון מיין טאטע זענען מיר געוואר געווארן פון די טייערע ירושה און איך האב באלד אנגעהויבן צו טון וואס איך קען כדי זיי צו טרעפן. אונזער טאטע האט גענומען א תהילים'ל אין זיינע הענט און זיך באלד געשטעלט דאווענען און אויסגיסן זיין הארץ אז די הייליגע חפצים זאלן צוריק קומען צו אים.

צום ערשט בין איך געפארן צו מיין טאטנ'ס הויז כדי צו זען אפשר געפונען זיך נאך די פארלוירענע זאכן אין די גרויסע קאנטיינער, אבער זייער שנעל בין איך געווארן פון איינעם פון די שכנים אז אין די לעצטע טעג האט מען עטליכע מאל אויסגעליידיגט די קאנטיינער'ס און מ'האט געברענגט אנדערע. איך האב זיך געוואנדן צום אידישן קאנטראקטער און זיך אינטערעסירט צי ער האט באמערקט די הייליגע חפצים, יענער האט זיך געפילט אומאנגענעם הערנדיג דעם פאל, ער האט זיך דערמאנט אז ער האט באמערקט עטליכע אלטע זאכן זענען געליגן אויף די שוועל פון די פענסטער אבער זיי זענען שוין נישט דארט. ער האט מיר געזאגט איך זאל רעדן מיט דער וואס איז פאראנטווארטליך אויפן אויסליידיגן די קאנטיינער. דער אראבישער קאנטראקטער האט אויך גע'טענה'ט אז ער האט נישט באמערקט אט די זאכן, און ווען ער האט פארשטאנען אז עס האנדלט זיך פון טייערע זאכן האט ער אנגעטראגן צו שיקן ארבעטער זיי זאלן זוכן אויף דער פלאץ וואו דארט ליידיגט מען אויס די קאנטיינער ברוכווארג. אבער די ארבעטער וואס זענען אהין געשיקט געווארן און האבן גענישטערט אין די הויפנ'ס פון די ברוכווארג זענען צוריק מיט ליידיגע הענט.

אינצווישן האט דער אידישער קאנטראקטער אנגעקלינגען צו אלע אראבישע ארבעטער וואס האבן די לעצטע וואך געארבעט אין די הויז. אלע האבן געלייקנט יעדע שייכות צו די ערציילונג, נאר די טאן פון איינעם האט צוגעברענגט אז דער קאנטראקטער זאל האבן אויף אים א פארדאכט אז אפשר זאגט ער ליגנט.

האט ער באשלאסן פאבריצירן עפעס א מעשה און אזוי זיך ווענדן צו יענעם ארבעטער אים צורעדן ער זאל וועלן צוריק געבן די אבידה. ער האט געקלינגען צו דעם ארבעטער און אים געבעטן ער נאכאמאל איבערקוקן צי די זאכן זענען נישט 'פארצופאל' ביי אים; 'עס רעדט זיך פון זאכן וואס האבן געהערט צו די זיידעס פון די פאמיליע, און האבן נישט קיין ספעציעלע ווערד', האט דער קאנטראקטער ערקלערט פארן ארבעטער, 'אבער דער אלטיטשקער איז זייער צוגעבינדן צו זיי און האט פון דעם גרויס צער, אז זיין לעבן איז אין א געפאר'.

עס זעט אויס אז די שפיל האט געווירקט, און דער ארבעטער האט זיך 'דערמאנט' אז די זאכן געפינען זיך ביי אים. לויט ווי עס זעט אויס, די אנטיק אויסזען פון אט די זאכן האבן צוגעברענגט ער זאל טראכטן אז זיי האבן א ספעציעלן ווערד. און האט אויף זיי געלייגט א אויג וועלנדיג זען אויב ער קען עפעס פארדינען פון דעם. יעצט ווען ער האט פארשטאנען - ווי געפלאנט - אז זיי האבן נישט קיין ווערד, האט ער באלד מסכים געווען זיי צוריק געבן.

אויפצומארגנ'ס אינדערפריה איז די אבידה צוריק געקערט געווארן צו זייער אייגנטומער צו די גרויסע פרייד פון די ברייט פארצווייגטע פאמיליע.

די ספעציעלע און אויסגערעכנטע השגחה פרטית וואס איז געווען פארבינדן אין די ערציילונג פון די אבידה איז נאר שפעטער באקאנט געווארן. ווען דער ארבעטער האט צוריק געברענגט די אבידה פארן קאנטראקטער, האט ער אים דערציילט כמסיח לפי תומו, אז נישט ווייניגער פון פינעף מאל האבן די זאכן געמאכט זייער וועג פון זיין הויז ביז צו די שטאטישע מיסט-קאסטן, און ער האט זיי צוריק געברענגט. ער ווייסט נישט פארוואס ער איז אזוי צוגעבינדן געווארן צו די 'אלטע שמאטעס' וואס ער האט געטראפן, און ווען זיין פרוי האט זיי אוועק געווארפן אין די מיסט-קאסטנע'ס האט ער זיי יעדע מאל צוריק אהיים געברענגט... 'אין ענדע ווען איך האב זיך שוין איבערגעצייגט אז די זאכן האבן נישט קיין ווערד האב איך צוגעשטימט מ'זאל זיי אוועקווארפן' - האט דער ארבעטער דערציילט, 'אבער פונקט דעמאלטס האסטו מיר פלוצלינג געקלינגען...'.

עס איז שווער צו שילדערן די געוואלדיגע שמחה וואס האט אנגעזען אויף מיין טאטנ'ס פנים ווען די אבידה איז צוריק געברענגט געווארן צו זיינע הענט. ביז יענע מינוט האט ער נישט אויפגעהערט צו זאגן תהלים, און אט זענען זיינע תפילות אנגענומען געווארן, אויף א וואנדערליכן וועג און מיט א זעלטענע השגחה פרטית האבן די זאכן איבערגעלעבט די אלע וואונדערונגען און זענען צוריק אנגעקומען צו זייער אייגנטומער".

"דא איז געווען א ספעציעלע השגחה פרטית" - ענדיגט דער זון, "איך האב זוכה געווען זען מיט מיינע אויגן וויאזוי יעדע ברעקל פון די געשיכטע איז געווען אויסגערעכנט דורכ'ן באשעפער אויף א מושלם'דיגן אופן, נאר טראכטן וואס וואלט געווען ווען איך וואלט נישט געדארפט קלינגען צו מיין ברודער פונקט יענע נאכט... אויב דער אראבער וואלט נישט איבערגענומען געווארן פון די ערציילונג פונעם קאנטראקטער... אויב וואלט ער נישט צוריק אהיים געברענגט די זאכן איינמאל נאכן צווייטן... עס קען זיין אז די הייליגע חפצים וואלטן פארהוילן געווארן אן זיי צו טרעפן.

הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו".

עיצובים shay